# דער אוצר




כתה ה' - ראה תשע"א


*לרגל יומא דהילולא קדישא של מרן רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע:*

# ווי אזוי קענען מיר באלאנגען צום הייליגן רבי'נס "והערב נא"?

טייערע תלמידים!

היינטיגן ערב שבת קודש איז די 32'סטע יארצייט פון אונזער הייליגן רבי'ן אבינו רוענו מרן רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע.

יעדער פון אונז שפירט א קשר צום רבי'ן זי"ע, כאטש מיר זענען שוין אלע געבוירן געווארן לאחר פטירתו, דאך ווייסן מיר אז כל זמן מיר גייען אין זיינע הייליגע וועגן, מיר פירן זיך לויט זיינע הדרכות און אנווייזונגען, זענען מיר נקראים בנים, און בזכותו קענען מיר זיך אויסבעטן אלעס גוט'ס, כרחם אב על בנים.

מ'דערציילט אז עס איז געווען א איד אין ארץ ישראל וואס האט נישט געהאט קיין שייכות צו סאטמאר, און ער איז ארויפגעקומען אין אפיס פון די הנהלת המוסדות, און געברענגט זיינע קינדער איינצושרייבן אין סאטמאר'ער חדר. האט מען אים געפרעגט: "מה ראית על ככה, צו שיקן די קינדער לערנען קיין סאטמאר, בו בזמן וואס דו האסט נישט קיין שייכות מיט סאטמאר?"

האט דער איד גענטפערט: "איך האב זיך מתבונן געווען, דער סאטמאר'ער רבי האט דאך ל"ע נישט זוכה געווען צו אייגענע קינדער, יעדן טאג ווען ער זאגט ברכת התורה און ער גיסט זיך אויס דאס הארץ פארן אויבערשטן 'ונהי' אנחנו וצאצאינו כלנו יודעי שמיך ולומדי תורתיך לשמה', פאר וועמען בעט ער דאס? וועמען האט ער דעמאלטס אינזינען? אוודאי בעט ער פאר די תלמידים פון זיינע מוסדות, אז זיי זאלן זוכה זיין אויסצוואוואקסן ערליכע אידן, תלמידי חכמים און יראי השם".

"אט דאס וויל איך, איך וויל אז מיינע קינדער זאלן נכלל ווערן אין די ברכת התורה פונעם סאטמארער רבי'ן", האט דער איד אויסגעפירט.

מיר אלע האבן ב"ה די זכי', אז דער רבי האט געזאגט ברכת התורה פאר אונזער וועגן, ער האט פאר אונז געוויינט, פאר אונז האט ער געבעטן, פאר אונז האט ער שופך שיח געווען, אז מיר זאלן זיך קענען האלטן ערליך הייליג און אפגעהיטן, און עס איז נישט קיין ספק, אז מה כאן עומד ומשמש אף שם עומד ומשמש, און דער רבי איז ווייטער פאר אונז מתפלל און ער פארגעסט נישט פון זיינע שעפעלעך, זיין הייליגע סטאדע וואס קלאמערט זיך נאכצוגיין זיינע הייליגע וועגן.

ספעציעל מיר - בני ארץ ישראל - האבן א גאר נאנטן שייכות צו רבינו הקדוש, ווייל ווי באוואוסט האט ער זיך שטענדיג געקאכט מיט קדושת ארץ ישראל. ווי זיין הייליגער טאטע דער קדושת יו"ט זי"ע האט שוין מעיד געווען, ווען דער רבי איז נאך געווען א יונג קינד, און הרה"ח ר' יואל אשכנזי איז דעמאלטס ארויפגעפארן קיין ארץ ישראל, האט דער קדושת יו"ט געהייסן אז די צוויי יואל'ישלעך זאלן עסן פון איין טעלער, זאגנדיג: "ער פארט קיין ארץ ישראל, און מיין יואל'יש האט ליב ארץ ישראל".

ווער עס האט זוכה געווען צו הערן די תורות פון רבי'ן, ובפרט זיינע שארפע קנאות'דיגע דרשות אנטקעגן די ציונים, האט באמערקט אז פון א יעדע שורה האט ארויסגעשפראצט 'אהבת ישראל' און 'אהבת ארץ ישראל', זיין הייליג הארץ האט פשוט נישט געקענט פארנעמען די שרעקליכע מרידה בהשי"ת, וואס ווערט געטוהן אינעם הייליגן פלטרין של מלך.

אויסער דעם האט דער רבי כמה פעמים געזאגט פאר די תלמידים וחסידים אין אמעריקא, אז זיי דארפן מכיר טובה זיין פאר "מוסדות יטב לב" אין ארץ הקודש, ווייל א דאנק זיי איז דער רבי ארויסגעפארן פון ארץ ישראל קיין ניו יארק, כדי צוזאמנעמען געלט פאר זיינע ירושלים'ער מוסדות, און ווי דער רבי דער ברך משה זי"ע פלעגט זאגן, אז עס איז ממש געווען א השגחה פרטית וואס דער רבי האט נישט גלייך מצליח געווען צו שאפן גענוג געלט, כדי ער זאל בלייבן לענגער אין אמעריקא, אזוי ארום האט ער דארט אויך אויפגעשטעלט מוסדות התורה, אבער זיין עיקר ציל איז געווען די מוסדות אין ארץ ישראל.

דעריבער איז קלאר אז ווען דער רבי האט געזאגט דעם "ונהיה אנחנו וצאצאינו", האט ער צום ערשט געטראכט פון זיינע קינדער אין ארץ ישראל. וועגן דעם דארפן מיר געדענקן און שפירן די געוואלדיגע זכיה וואס מיר האבן צו לערנען אין זיין תלמוד תורה און זיך פاררופן אויף זיין הייליגן נאמען.

מיר, פון אונזער זייט, דארפן מיר אבער זעהן אז מיר זאלן דאס ווערט זיין, מיר זאלן האבן רעכט זיך צו רופן 'בנים', וואס צו דעם קענען מיר זוכה זיין, נאר אז מיר וועלן אין די טעג מאכן די ריכטיגע קבלות, זיך מחזק זיין אין אלע ענינים וואס מ'שמועס'ט כסדר, אז דאס האט דער בעל הילולא זי"ע געפאדערט און געמאנט פון זיינע תלמידים, צו גיין אין זיינע וועגן, אזוי ווי ער האט אונז געלערנט, צו דינען השי"ת אין ארץ ישראל, מיט די מחשבה אז מיר געפינען זיך אין דעם פאלאץ פונעם מלך מלכי המלכים, און מקדש זיין שם שמים, אז יעדער זאל זעהן די הערליכע פירות וואס וואקסן אינעם גארטן וואס רבינו הקדוש זי"ע האט איינגעפלאנצט.

און אין די זעלבע צייט צו זיין אינגאנצן אפגעשיידט פון די רשעים, נישט צו האבן מיט זיי קיין שום שייכות, נישט נעמען קיין געלט שטיצע און זיך לאזן נאכגעשלעפט ווערן פון די שווערע נסיונות. זיך צו פירן בקדושה ובטהרה, זיין שטאלץ מיט אמת'ע ערליכע אידישקייט, ולא יבוש מפני המלעיגים, ליגן אין תורה ויראת שמים, כסדר ארבעטן אויף מידות טובות, אז אונזער גאנצער הלך ילך זאל זיין א קידוש השם.

און אז מיר וועלן גיין אין די וועגן וואס ער האט אונז געלערנט, וועלן מיר אוודאי אויס'פועל'ן אלעס גוט'ס.

# אוצר התורה

**ראה אנכי נותן לפניכם היום ברכה וקללה:**

לכאורה דארף מען פארשטיין פארוואס דער פסוק הייבט אן מיט ראה, א לשון יחיד, און איז מסיים מיט לפניכם א לשון רבים.

ענטפערט דער הייליגער **חתם סופר** זי"ע, לויט די גמרא (קידושין דף מ' ע"א), אז א מענטש דארף באטראכטן די וועלט, ווי עס איז האלב זכאי און האלב חייב, אויב טוט ער איין מצוה וועגט ער איבער די גאנצע וועלט לכף זכות, און מיט איין עבירה וועגט ער איבער די גאנצע וועלט לכף חובה.

דאס זאגט די תורה פאר יעדן יחיד, **"ראה"**, דו זעה, **"אנכי נותן לפניכם היום ברכה וקללה"**, מיט דיין מעשה ווערט געגעבן פאר די גאנצע וועלט א ברכה מיט א קללה, ווייל יעדער יחיד קען מכריע זיין די גאנצע וועלט מיט זיינע מעשים.

➢•➣

**את הברכה אשר תשמעו:**

די ברכה וואס די אידן האבן באקומען מער פון אלע פעלקער איז, **"אשר תשמעון"** אז אפילו מען נעמט זיך נאר אונטער אויף זיך, איז דער אויבערשטער מצרף כאילו מען האט שוין געטוהן די מצוה, וועגן דעם דריקט אויס די פסוק, **"לפניכם"** ולא לפני עכו"ם, נאר די אידישע קינדער האבן באקומען די מתנה, און נישט די גוים.

*(עצי חיים)*

➢•➣

**ראה אנכי נותן לפניכם היום ברכה וקללה את הברכה אשר תשמעו וגו'**

דער **בעל הטורים** זאגט, אז די ווערטער א**'ת** הברכ**'ה** אש**'ר** תשמע**'ו** איז די סופי תיבות **"תורה"**. לכאורה דארף מען פארשטיין וואס איז די שייכות איינס מיט די אנדערע.

**כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א**, איז דאס מסביר מיט א באוואוסטע מעשה, וואס מען זאגט נאך פונעם הייליגן **צאנז'ער רב** דער **דברי חיים** זי"ע. ווען ער פלעגט אויפשטיין אינדערפרי און ער האט אנגעהויבן זאגן "מודה אני" האט ער זיך מתבונן געווען אין די ווארט "אני", פון גרויס ענוות האט ער געזאגט: "ווער בין איך, וואס בין איך דען, איך בין דאך א נידעריגער באשעפעניש?" דערנאך האט ער ממשיך געווען צו זאגן: "לפניך מלך חי וקים", האט ער זיך ווייטער מתבונן געווען: "ווייס איך דען, צו האב איך דען א השגה וואס עס מיינט די ווערטער?" האט ער דאן גענומען א גמרא, און ער האט געלערנט צוויי שעה, דערנאך האט ער געזאגט: "יעצט האב איך א שטיקל השגה ווער איז דער מלך חי וקים".

דאס קען זיין דער פשט, **"ראה אנכי"** ווילסטו וויסן די גרויסקייט פונעם אויבערשטן, דער אנכי ה' אלוקיך, זאגט די תורה **א'ת הברכ'ה אש'ר תשמע'ו**, וואס דאס איז סופי תיבות **תורה**, דורך לערנען תורה וועט מען פארשטיין אביסל די גרויסקייט פונעם אויבערשטן.

➢•➣

**ראש חודש אלול יהיה ביום השלישי ולמחרתו ביום הרביעי הבא עלינו לטובה**

# אוצר הידיעות

## יום כיפור קטן

יעדע ערב ראש חודש - א טאג פאר ראש חודש - ווערט אנגערופן **"יום כיפור קטן"**. עס זענען פארהאן אזעלכע וועלכע פאסטן אין דעם טאג.

איינס פון די פיר זמנים וואס מען דארף תשובה טוהן, איז יום כיפור קטן. די פיר זמנים זענען ווי פאלגנד: א) אין ענדע פון יעדן טאג. ב) יעדן ערב שבת, וואס דאס איז די ענדע פונעם וואך. ג) "יום כיפור קטן", וואס דאס איז די ענדע פונעם חודש. ד) דער לעצטער חודש פונעם יאר, דאס איז חודש אלול.

אין די ענדע פון חודש דארף מען תשובה טוהן דערויף וואס מען האט זיך נישט אויפגעפירט פארגאנגענעם חודש, מיט שמירת התורה והמצוות מיט מדות טובות בין אדם לחבירו, בין אדם למקום. יום כיפור קטן איז מסוגל צו מאכן פאר זיך א חשבון, ווי אזוי עס איז פאריבער דער חודש, און זיך פארנעמען אויף ווייטער זיך צו פירן ווי עס ברויך צו זיין.

אין **כף החיים** (סי' תי"ז אות כ"ו), ווערט געברענגט, אז אפילו די וועלכע פירן זיך נישט צו פאסטן אום "יום כיפור קטן", דארפן זיי אבער אויך איבערקוקן אלעס וואס זיי האבן געטאן אין דעם חודש און פאררעכטן זייערע מעשים, ווייל אזוי ווי דאס איז דער לעצטער טאג פון חודש, איז דאס צוגעגליכן צו ערב ראש השנה, ווען יעדער איז אויף זיך מקבל צו פאררעכטן זיינע מעשים.

דער מנהג צו פאסטן ערב ראש חודש, און אנצורופן דעם טאג יום כיפור קטן, האט איינגעפירט **הרה"ק רבי משה קורדובירו זצ"ל**, וועלכער איז געווען דער רב אין צפת, א תלמיד פון הייליגן בית יוסף, און שוואגער פון רבי שלמה אלקבץ, דער בעל "לכה דודי" און מחבר פון פיל ספרים.

דער **מהר"ם קורדובירו** זצ"ל האט דעם טאג אנגערופן **"יום כיפור קטן"**, **"דער קליינער יום כיפור"**, צוליב דעם וואס ערב ראש חודש איז השי"ת מוחל אויף אלע עבירות וואס מען האט געטאן א גאנצן חודש, אויב נאר מען טוט תשובה, פונקט ווי "יום כיפור" איז השי"ת מוחל אויף די עבירות פון א גאנץ יאר.

דער **פרי חדש** (סי' תי"ז) ברענגט אויך א ענליכן טעם, ווייל אזוי ווי "יום כיפור" איז השי"ת מוחל די עבירות פון א גאנץ יאר. דאס זעלבע אין "יום כיפור קטן", איז השי"ת מוחל אויף די עבירות פון דעם גאנצן חודש, אויב מען טוט תשובה. פונקט ווי ווען דאס בית המקדש איז געשטאנען האט דער קרבן וואס מען האט מקריב געווען ראש חודש, מוחל געווען אויף די עבירות פון א גאנצן חודש.

ווען ערב ראש חודש פאלט אויס אום ערב שבת אדער אום שבת, מאכט מען דעם "סדר יום כיפור קטן" אום דאנערשטאג פאר ערב ראש חודש.

מען פירט זיך אויך אויסצוזאגן גאנץ **תהלים**, איידער מען זאגט יום כיפור קטן.

עס איז פארהאן א ספעציעלער **"סדר יום כיפור קטן"** וואס מען זאגט פאר מנחה, אין וועלכן מען איז צווישן אנדערן מתפלל, אז דאס פארלירן בלוט דורכ'ן פאסטן, זאל זיין אזוי חשוב און גערעכנט ווי מען וואלט מקריב געווען דאס בלוט פונעם קרבן אויפ'ן מזבח. אויך זאגט מען די **"וידוי פון רבינו נסים"**.

מיר פירן זיך נישט צו מאכן דעם "סדר יום כיפור קטן" יעדן ערב ראש חודש, אויסער אויב עס איז רחמנא ליצלן, פארהאן עפעס אן עת צרה, מאכט מען יא דעם "סדר יום כיפור קטן" און מען פאסט.

אבער **ערב ראש חודש אלול**, איידער מיר טרעטן אריין אינעם חודש פון תשובה, מאכן מיר יא דעם "סדר יום כיפור קטן", און אלע מענער וועלכע זענען בכח, פאסטן כאטש ביז חצות.

## רבי עקיבא ווערט גע'הרג'עט אויף קידוש ה'

דעם טאג וואס מען האט געכאפט און ארעסטירט רבי עקיבא, איז געווען ה' תשרי, און מען האט אים געהאלטן אין טורמע ביז דאס אנדערע יאר יום כיפור. ערשט דאן האט מען אויסגעפירט איבער אים די גרויזאמע מיתה. ווייל פונקט דאן ווען מען האט אים ארעסטירט, איז געקומען די בשורה צום קיסר אז דער מלך פון "ערביא" האט דערקלערט קריג, און דער קיסר מיט די ארמיי האבן זיך ארויסגעלאזט אין א מלחמה מיט יענעם קעניג. ווען זיי זענען צוריקגעקומען זיגרייך האט דער קיסר אויסגעפירט זיין רציחה.

די הייליגע חז"ל דערציילן: ווען מען האט איינגעזעצט רבי עקיבא, האבן זיינע תלמידים צוליב זייער גרויס צוגעבינדנקייט צו אים, אים געוואלט פרעגן שאלות אין הלכה. אבער זיי האבן מורא געהאט אז מ'זאל זיי נישט כאפן, האבן זיי זיך פארשטעלט פאר פעדלער און זיי זענען געקומען אין תפיסה אויסצורופן זייער סחורה, און אזוי אויסרופנדיג זייער סחורה האבן זיי אים געפרעגט שאלות בהלכה, און ער האט זיי געענטפערט.

די רוימישע תליינים האבן גוזר געווען אויף דעם הייליגן תנא שרעקליך פארפייניגט צו ווערן און זיי האבן אויסגעקעמט זיין לייב מיט אייזערנע קעמלען, מיט ביטערע יסורים וואס האט זיך געצויגן עטליכע שעה.

וואס האט דער הייליגער תנא געטוהן אין די צייט וואס מען האט אים ביטערליך געפייניגט? די גמרא זאגט, אז אין יענע מינוט'ן האט ער געליינט קריאת שמע. אין מדרש (אלה אזכרה) ווערט געברענגט אז ער האט געזאגט 'צידוק הדין': "הצור תמים פעלו כי כל דרכיו משפט, קל אמונה ואין עול צדיק וישר הוא", ער האט מקבל געווען אויף זיך דעם דין שמים באהבה.

די תלמידים פון רבי עקיבא וואס זענען דארט געווען, און האבן געזעהן די ביטערע יסורים פון זייער רבי, האבן אים געפרעגט: "רבינו, עד כאן? דו קענסט זיך נישט ראטעווען פון די רשעים?" האט זיי רבי עקיבא געענטפערט: "אלע מיינע טעג האב איך זיך מצער געווען אז איך קען נישט מקיים זיין דעם "ובכל נפשך", יעצט ווען איך האב זוכה געווען צו דעם, זאל איך נישט מקבל זיין אויף מיר עול מלכות שמים מיט ליבשאפט און פרייד?!

אזוי אויך דערציילט דער מדרש (משלי פ"ט), אז ווען דער קעניג האט געזעהן די רואיגקייט פון רבי עקיבא בשעת די ברענענדיגע יסורים, האט דאס אים ארויסגענומען פון זיין גליך געוויכט, און ער האט געפרעגט פאר רבי עקיבא: "וואס זאגסטו זיך אונטער?" האט ער אים געענטפערט: "איך ליין קריאת שמע". האט אים דער קעניג ווייטער געפרעגט: "וואס שמייכלסטו, דו האסט נישט קיין יסורים? דו ביסט אפשר א כישוף מאכער וואס דורך כישוף מאכסטו דו זאלסט נישט שפירן קיין יסורים?"

האט אים רבי עקיבא געענטפערט: "חלילה וחס איך בין נישט קיין כישוף מאכער, מיינע יסורים זענען שרעקליך גרויס, נאר מיין גאנצע לעבן האב איך געזאגט פאר מיין באשעפער אז איך האב אים ליב מיט מיין גאנצע הארץ, מיט מיין גאנצע זעהל און מיט מיין גאנצע פארמעגן. מיט מיין גאנצע הארץ און מיט מיין גאנצע פארמעגן האב איך אלעמאל מקיים געווען, יעצט ווען איך האב די געלעגנהייט –ווען דו הרג'עסט מיר נאר ווייל איך בין א איד – צו מקיים זיין וואס איך האב אייביג געזאגט פארן באשעפער, אז איך האב אים ליב מיט מיין גאנצע זעהל, זאל איך נישט זיין פריילך?!

ווען זיין הייליגע נשמה האט שוין געהאלטן ביים ארויסגיין, האט ער אויסגעשריגן: "שמע ישראל ד' אלקינו ד' אחד", און ער האט מאריך געווען ביי 'אחד', ביז זיין נשמה איז ארויס. איז ארויס א בת קול פון הימל וואס האט אויסגערופן: "אשריך רבי עקיבא, וואויל איז דיר רבי עקיבא וואס דיין נשמה איז ארויס ביי 'אחד', און דו ביסט אנגעגרייט לחיי העולם הבא".

לויטן מדרש וואס מיר האבן דערמאנט, אז רבי עקיבא האט געזאגט "צידוק הדין", האט ער מאריך געווען ביי די ווערטער 'צדיק וישר הוא', ביז זיין נשמה איז ארויס. איז ארויס א בת קול פון הימל וואס האט אויסגערופן: "אשריך רבי עקיבא, וואויל איז דיר רבי עקיבא וואס דו ביסט געווען א צדיק וישר, און דיין נשמה איז ארויס ביי 'צדיק וישר', און דו ביסט אנגעגרייט לחיי העולם הבא".

אין יום הכיפורים ג"א תת"פ, אין עלטער פון הונדערט און צוואנציג יאר, איז רבי עקיבא גע'הרג'עט געווארן על קידוש השם, צווישן די עשרה הרוגי מלכות.

**האט זיך מיט דעם געענדיגט דאס רשעות פונעם קיסר?**

ליינט אין קומענדיגן פארזעצונג

## אוצר החכמה

הרה"ק **רבי אלעזר רוקח זצ"ל** בעל מחבר ספר "שמן רוקח", איז אמאל געפארן אויפן וועג, צוליב א דבר מצוה. אינמיטן וועג איז ער אנגעקומען צו א בארג, איז ער אראפ פונעם וואגן און געהאלפן די פערד ארויפצושלעפן די שווערע וואג.

האט דער בעל עגלה אים געפרעגט מיט גרויס וואונדער, פארוואס ער דארף העלפן שטופן דעם וואגן? האט אים דער רב געגעבן צו פארשטיין, אז ער וויל נישט אז דער פערד זאל אים רופן צו א דין תורה ביים בית דין של מעלה. האט אים דער בעל עגלה געפרעגט: "און וואס וועט זיין אז מען וועט אייך רופן צו דין תורה, דער רב קען דאך גוט לערנען און איר וועט דאך אוודאי גוט וויסן וואס צו ענטפערן?"

"יא יא! ביסט הונדערט פראצענט גערעכט" - האט דער רב געענטפערט - "אבער מיט דעם אלעם, וויל איך אלץ נישט גיין צו א דין תורה מיט א פערד"...

# אוצר רבותינו

# כ״ק מרן רביה״ק בעל דברי יואל זיע״א

**כ״ו אב תשל״ט**

## ונר אלקים טרם יכבה!

לכבוד די הילולא פון כ״ק מרן רבינו הקוה״ט זי״ע, וועלן מיר דא איבערגעבן
א שילדערונג פונעם לעצטן שבת קודש פרשת ראה, שבת מברכים אלול תשל״ט, אין קרית יואל

**א גרויסע חלק פונעם מאמר זענען אויסצוגן פון ספר ״קרית מלך רב״**
**מיטן רשות פונעם מו״ל הרב שמואל שלמה טעללער שליט״א ותשוח״ח לו**

אויף שבת מברכים אלול, די לעצטע שבת בחייו פון רביה״ק זי״ע, איז ארויסגעקומען קיין קרית יואל א גרעסערער ציבור ווי אלגעמיין נישט וועלנדיג פארפאסן די הכנה צו חודש אלול בצל הקודש. ווי אויך זענען געווען א גרעסערער צאל בחורים וואס זענען געקומען צו פארן פון קעמפ צו זיין ביים רבי׳ן אויף שבת.

ווי יעדע וואך, זענען אלעמענס אויגן געווען געוואנדן צום מזרח וואנט ווי דער רבי איז געזעסן מעוטף בטליתו. דער רבי איז אריינגעקומען צו מנחה אין די באגלייטונג פון די געטרייע משמשים בקודש, און איז צוגעגאנגען צו זיין פלאץ, און דער ״הודו לה׳ כי טוב״ האט אפגעדונערט פון די טויזנטער מתפללים וואס האבן זיך געשפירט אלס מחייבי הודאה, בלויז צוליב דעם וואס זיי האבן די זכי׳ צו דאווענען מיטן רבי׳ן אינאיינעם.

ווען דער בעל תפילה איז אנגעקומען צו ״לכה דודי״, האבן די יונגעלייט און די בחורים זיך שוין אנגעהויבן צו שטופן צו די פאדערשטע בענק. טאטעס זענען געקומען צולויפן מיט די קינדער אויף די הענט, אז זיי זאלן קענען זעהן דעם רבי׳נס ליכטיגע צורה און די הייליגע עבודה ביי ״בואי בשלום״ ווי יעדע וואך.

אלע זענען אבער געבליבן געפלעפט און טיף שאקירט, ווען עס איז געקומען דערצו, און דער רבי האט זיך אויסגעדרייט צום טאנצן ״בואי בשלום״, אנשטאט דעם ווי אלע וואכן וואס ער האט געטאנצט און צומאל געפאטשט מיט די הענט בהתלהבות עצומה, האט דער רבי שלא כהרגילו אויפגעהויבן זיינע הייליגע אויגן און דורכדרינגליך באטראכט דעם גאנצן ציבור מן הקצה אל הקצה, א זאך וואס האט נאך ביז דעמאלטס נישט געהאט פאסירט.

דער רבי האט געקוקט אויפן עולם וואס איז געשטאנען אונטן, ער האט געקוקט אויף די וואס זענען געשטאנען אויף די בענק, א ציטער איז דורכגעגאנגען ביי יעדן אין הארץ זעהענדיג דאס בילד.

די ערשטע אויפפאלנדע זאך וואס עס האט אין דעם שבת קודש פאסירט.

פאר קיינעם פון די טויזנטער וואס זענען דארט געשטאנען, איז אבער אין ווילד׳סטן חלום נישט איינגעפאלן אז דער רבי געזעגנט זיך יעצט מיטן עולם...

נאכן דאווענען איז דער עולם געסט ווי געווענליך ארויסגעגאנגען צו די גאס, וואו מען האט זיך געשטעלט אויף די צוגעגרייטע בענק, דורך וואו מען האט געקענט זעהן דורך די אפענע פענסטער, ווי דער רבי זינגט די זמירות און מאכט קידוש. אבער ווידער איז געווען א אינטרעסאנטע זאך, א דבר פלא, ווען דער רבי האט תיכף געהייסן זיך דערלאנגען דעם בעכער צו קידוש און ער האט נישט געזינגען קיין ״שלום עליכם״. אפילו ווען מען האט אים אויפמערקזאם געמאכט דערויף, האט ער געזאגט ׳איך האלט שוין ביי קידוש׳, און ער האט קידוש געמאכט כדרכו בקודש.

דער עולם איז געשטאנען אינדרויסן און געשמועס׳ט צווישן זיך, ווארטנדיג צו הערן ווי מען הייבט אינעווייניג אן ״שלום עליכם״ און זיי וועלן מיטזינגען ווי יעדע וואך. דערווייל הערט זיך פון אינעווייניג ״אמן״, און ווי נאר מען איז ארויפגעקראכן אויף די בענק הערט זיך שוין דער צווייטער ״אמן״, און דער רבי וואשט זיך שוין נטילת ידים.

דאס האט נאך קיינמאל בעפאר נישט פאסירט, און איז ווידער געווען א שטארק אויפפאלנדע זאך דעם שבת.

וועמען זאל דען איינפאלן אין די מינוט, וואס די גמרא דערציילט אין מס׳ בבא מציעא (דף פ״ה ע״ב) אז עס איז געווען ההוא מדרבנן, איינער פון די רבנן וועלכער האט געוואלט זען ווי אזוי די צדיקים גייען ארויף צו די ישיבה של מעלה. האט אים אליהו הנביא אנגעזאגט אז ער מעג קוקן אויף אלע צדיקים, אויסער אויף רבי חייא, און ער האט אים געגעבן א סימן ווען ער מעג קוקן און ווען נישט, אז אלע צדיקים גייען ארומגענומען און באגלייט מיט מלאכים, אויסער רבי חייא ׳מנפשי׳ סליק ונחית׳ ער גייט אליין ארויף און אראפ, ער גייט נישט מיט קיין מלאכים.

ווער זאל דען אין יענע מאמענטן קלערן אז דער הייליגער רבי, דער עושה מעשה חייא דעביד שלא תשתכח תורה מישראל, זאגט נישט ״שלום עליכם מלאכי השלום״ ווייל ער נויטיגט זיך שוין נישט אין קיין מלאכים, מנפשיה סליק ונחית, ער גייט אליין ארויף און קיינער דארף אים נישט באגלייטן, קיינער האט דאס נישט געקלערט. דאס התקשרות און צוגעבינדנהייט וואס אנ״ש האבן געהאט אין רבי׳ן זי״ע, האט קיינמאל נישט געפירט דעם מהלך המחשבה אין דעם ריכטונג.

שבת אינדערפרי איז דער רבי אריינגעקומען צום דאווענען ווי געווענליך, דאס דאווענען איז געווען מיט א דערהויבנקייט ווי נאטורליך שבת מברכים אלול במחיצת הקודש. עס דערציילן אידן וואס זענען געשטאנען דערביי און נישט אראפגענומען קיין אויג פונעם רבי׳ן, ווען מען האט געענדיגט די ״פסוקי דזמרה״ האט דער רבי אנגעהויבן כהרגלו דעם ״עד הנה״ און געזאגט ״נשמת״ מיט א געוואלדיגע ברען אז דער גאנצער גוף הטהור האט זיך געווארפן. מען האט אבער לײדער גארנישט געהערט, און דער ציבור האט נישט געהערט דעם רבי׳נס קול, אזוי אז דער משב״ק האט צו ׳שוכן עד׳ צוגעשיקט א צווייטן צום עמוד.

די זעלבע איז געווען ביים ״חודש בענטשן״. ווען דער רבי האט גענומען די ספר תורה אין די האנט, און ׳חודש געבענטשט׳ האט מען לײדער נישט געהערט, עס איז געווען שפתותיו נעות וקולו לא ישמע. דער רבי איז געשטאנען ביים באלעמער וואס איז געווען ביי זיין פלאץ אויף מזרח, זיין פנים איז געווען אויסגעדרייט כלפי העם אויף מערב זייט, און דער ציבור האט געזעהן ווי דער רבי זאגט, אבער מען האט נישט געהערט.

דער ציבור פון די טויזנטער חסידים וועלכע האבן געווארט צו הערן דעם הייליגן רוף פון ״ראש חודש אלול יהיה...״ זענען אנטוישט געווארן ווען דער רוף איז נישט געהערט געווארן, און אלע האבן געזען אז דעם רבי׳נס מצב הבריאות איז נישט אין ארדענונג און אין אלעמענס הערצער האט געפאכעט א ציטער און א האפענונג פאר א רפואה שלימה בקרוב.

דער ציבור האט זיך ארויסגעשארט פון ביהמ"ד מיט פארזארגטע אויגן, יעדער האט געקוקט איינער אויפן צווייטן מיט פרעגנדיגע אויגן 'איז דער מצב טאקע ערנסט? צי איז דאס נאר א דורכלויפנדער שרעק?' יעדער איז זיך אהיימגעגאנגען צו זיך אהיים פראווען די סעודה, ווען דאס הארץ האפט אויפן בעסטן.

ווען דער רבי איז אהיימגעקומען פון בית המדרש נאכן דאווענען האט מען דערקענט אויף פני קדשו א חולשה, דער רבי האט קידוש געמאכט, און דאן האט ער באפוילן אים צו געבן דעם חומש, דער רבי האט אויפגעמישט צו "שישי" דארט ווי ער האט געהאלטן ביים מעביר סדרה זיין, און ער האט ווייטער געמיטליך מעביר סדרה געווען.

די משמשים האבן באמערקט אז דעם רבי'נס אטעם איז נישט אין ארדענונג, וואס דאס האט געצייגט אז דער רבי האט ל"ע וואסער אין די לונגען.

דער רבי האט געגעסן די סעודה ביי זיך אין שטוב. ווי די אנוועזנדע דערציילן אז ווען עס איז געקומען צו "חי ה'" האט דער רבי געפלאמט און געקאכט אויף א מורא'דיגן אופן, ער האט ממש געשריגן מיט קולי קולות, און באלד נאך חי ה' האט דער רבי איינגעדרימלט פון גרויס שוואכקייט.

דערויף איז אנגעקומען דער דר. הירשטיין - א גרויסער לונגען דאקטער - וועלכער האט אונטערגעזוכט דעם רבי'ן, און באפוילן אז מען זאל דעם רבי'ן אריינפירן אין שפיטאל תיכף.




נאכמיטאג איז זיך שוין דער ציבור צונויפגעקומען אין בית המדרש זאגן מזמורי תהלים פארן רבי'נס געזונט. באזונדער ווען דער רבי איז נישט געווען ביכולת אריינצוקומען אין בית המדרש צו שלש סעודות, האט דאס אלעמען געמאכט ציטערן דאס הארץ אויס זארג פארן רבי'נס געזונט.

דער ציבור - וואס האט נאך געהאט די זכי' מיט עטליכע שעה צוריק צו דאווענען אינאיינעם מיטן רבי'ן, וואס האבן נאך זוכה געווען אריינצוגיין אין די הייליגע טעג מיטן רבי'ן אלס שליח ציבור, און האבן זיך געריכט בדחילו ורחימו אז דער רבי זאל ווי אלע יארן זיין דער שליח ציבור אויף די הייליגע טעג, און ער זאל זיין דער ריכטיגער בעטער פאר זיין הייליגע עדה, זיי האבן קוים געווארט אז דער רבי זאל אריינקומען צו שלש סעודות, און ווי אלע וואכן זאל מען הערן דעם קול פון דעם שר צבא וואס איז מכריז די פסוקי יחוד בקול רעש גדול - איז איצט געווען ערשיטערט און צובראכן, דער רבי קומט נישט אריין אין בית המדרש! דער רבי קומט נישט אריין צווישן עולם! ער ווערט אפגעפירט אין שפיטאל...

באלד מוצש"ק ביים זמן איז שוין געקומען א אמבולאנס וואס האט דעם רבי'ן אריינגעפירט אין שפיטאל, דער מצב איז געווען זייער אנגעצויגן אין אלעמענס הערצער האט געציטערט, און יעדער האט מתפלל געווען און געהאפט אויפן בעסטן.

אינמיטן וועג האט זיך דער אמבולאנס צובראכן, און מ'האט דעם רבי'ן אריבערגעפירט אין א קאר, דעמאלטס איז דער רבי אויפגעקומען צום ערשטן מאל, און מיט א צובראכענע שטימע געפרעגט "וואו פארט מען?!" דאס זענען געווען די לעצטע ווערטער.

באלד מוצש"ק האבן די לופט-כוואליעס געטראגן די בשורה איבער אלע וועלט עקן. פונעם בית המדרש הגדול איז די בשורה ארויסגעגאנגען און איז אנגעקומען איבעראל וואו עס געפונט זיך נאר א קבוצה ערליכע אידן, אז "עורי נא התעוררי נא, בעד הנפש חני נא, דער רבי דארף רחמי שמים!"

שעות ארוכות האט גענומען דאס תהלים זאגן. דער ציבור האט געזאגט מיט אזא הארציגקייט, מיט אזעלכע געוויינען, מיט אזעלכע בכיות, מען האט זיך געבעטן כבן המתחטא לפני אביו 'אוי, הייליגער באשעפער חוס ורחם עלינו, לאז אונז דא איבער אונזער הייליגער רבי'ן. האב רחמנות אויף דעם כלל ישראל. אויף דעם נעבעכדיגן שארית הפליטה וואס ווערט אזוי געפלאגט און געיאגט, און דער הייליגער רבי זאל דא בלייבן'.

דריי אזייגער פארטאג'ס האט זיך געענדיגט דער ערשטער גרויסער מנין תהלים, און דער ציבור האט צוביסלעכווייז אנגעהויבן צו שפאנען אויפן וועג ארויס פון בית המדרש, מיט די האפענונג אז מען האט גע'פועל'ט אין הימל, און דער רבי וועט גאר בקרוב אהיימקומען פון שפיטאל און ווייטער באלייכטן די אויגן און די הערצער פון די עדה הקדושה.

דער בית המדרש איז שוין געווען שטארק שיטער, ווען איינער לויפט אריין אין בית המדרש מיט אן היסטערישע מינע אויפן פנים, און ער שרייט: "רבותי! דער רבי דארף גרויס רחמי שמים! דער מצב איז נישט גוט! מען דארף איינרייסן!"

די עטליכע צענדליג אידן וואס זענען געווען אין בית המדרש זענען ווי פארגליווערט געווארן הערנדיג די בשורה. ביז אין דעם מאמענט האט קיינער נישט באגריפן אז דער מצב איז טאקע אזוי ערנסט, און אז עס פעלט זיך טאקע אויס אזא גרויסע ישועה. ספאנטאן האט זיך ארגאניזירט א צווייטער מנין צו תהלים וואס האט אנגעהויבן פון אנהויב תהלים, און במשך די קומענדיגע איבער צוויי שעה האט זיך געהערט טיפע קרעכצן און געוויינען, פון די אידן וואס זענען געזעסן און פאראורבעט אפצושרייען די רוע הגזירה און אויסבעטן דעם רבי'ן.

עס איז שוין געווען באלד טאג ווען דער צווייטער מנין האט געענדיגט זאגן די מזמורים פון דעם רבי'נס נאמען לויט די אותיות פון קאפיטל קי"ט, און מען איז זיך צוגעגאנגען. עס האבן זיך שוין אנגעהויבן צו שטעלן מנינים צו שחרית, אין אלע שטיבלעך און פאלישן האט זיך שוין דער ציבור געשטעלט דאווענען, און דאן איז אנגעקומען די שרעקליכע בשורה...

"נפלה עטרת ראשינו..."

דאס איז געווען זונטיג פארטאגס 6:40 דעמאלטס איז דעם רבי'נס הייליגע נשמה ארויף לגנזי מרומים, וכל בית ישראל יבכו את השריפה אשר שרף ה'.

בו ביום איז פארגעקומען די לוי' ווי אלע גדולי ישראל ובראשם כ"ק רבינו בעל ברך משה זי"ע האבן אים מספיד געווען. דערנאך איז דער הייליגער גוף געקומען למנוחתה אויפן בית החיים אין קרית יואל וואס מען האט דעמאלטס מקדש געווען.

דער ציון הקדוש איז אין לויף פון די יארן געווארן א תל תלפיות, וואו טויזנטער אידן ווערן געהאלפן מיט אלע מיני ישועות, און מיר זענען מתפלל אז זיין גרויסן זכות זאל מגין זיין אויף אונז אלע, צו געבענטשט ווערן מיט אלעס גוט'ס, אמן.

# אוצר הזכרונות

## עס דערציילט מיין טאטע
# הגה"צ דומ"ץ דקהילתינו שליט"א

עס האט מיר דערציילט א איד וואס וואוינט אין קטמון געגנט, אז דארט האט געוואוינט א איד מיטן נאמען ר' ז. ב. וואס ער פלעגט רעדן זייער שלא בכבוד קעגן רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע, און כסדר פלעגט מען אים הערן רעדן דברי זלזול אויפן רבי'נס חשבון.

אין איינע פון די טעג האבן זיינע ידידים באמערקט אז ער האט אויפגעהערט צו רעדן קעגן רבי'ן, און זיי האבן פארשטאנען אז יש דברים בגו. האבן זיי אים געפרעגט דערוועגן. האט ער געזאגט "איך וועל אייך דערציילן וואס איך האב געהאט מיטן סאטמארער רבי'ן וועט איר אלעס פארשטיין".

"איך בין געווען אין שפיטאל ווען דער סאטמאר'ער רבי איז געקומען באזוכן זיין געוועזענעם איידעם (מיין טאטן) כ"ק הגה"צ מסעמיהאלי זצ"ל (בביקורו בארה"ק בשנת תשכ"ה לפ"ק). נאכן באזוך ווען דער רבי איז געשטאנען נעבן דעם עליוועיטאר האט ער געהערט ווי איינער שרייט מיט קולי קולות, האט ער זיך אנגערופן צום משב"ק ר' יאסל אשכנזי ע"ה: "גיי קוק וואס זענען די קולות".

ר' יוסף איז געגאנגען, און ער איז צוריק געקומען זאגן פארן רבי'ן, אז א ספרדי'שע פרוי שרייט דארט, ווייל איר מאן איז קראנק, און זי האט נישט צו באצאלן פארן שפיטאל, ממילא וויל מען אהיים שיקן איר מאן פון שפיטאל, און די פרוי איז זייער פארביטערט ממילא שרייט זי".

האט דער רבי געוואלט וויסן וויפל געלט די שפיטאל וויל האבן צו האלטן דעם חולה. רבי יוסף איז געגאנגען מברר זיין, און ער איז צוריק געקומען זאגן דעם סכום (איך געדענק נישט צי צען טויזנט דאללער, אדער דרייסיג טויזנט דאללער, אבער אפילו צען טויזנט דאללער, איז דאס אין יענע צייט געווען דער פרייז פון א דירה אין ירושלים...)

דער סאטמארער רבי האט באצאלט דעם גאנצן סכום פאר דעם חולה!

האט ר' ז. אויסגעפירט: "איך בין דארט געשטאנען בשעת מעשה, און איך האב געזעהן ווי אזוי דער סאטמארער רבי גיט אזוי פיל געלט פאר א ספרדי'שע משפחה, זיי האבן אפילו געהאט שייכות אין איינע פון די פארטייען אין די ציוני'סטישע מדינה, דער רבי האט זיי נישט געקענט נישט פריער און נישט שפעטער, און קיינער האט דאס נישט געזעהן און נישט מיטגעהאלטן, איך קען מער קעגן אזא איד נישט רעדן".

(שמעון טייטלבוים)

## עס דערציילט מיין זיידע
# הגה"צ רבי שמואל בראך שליט"א - אבדק"ק נאנאש

איך האב זוכה געווען צו זיין א "הויז בחור" ביים רבי'ן זי"ע. אין יאר תשט"ו ווען דער רבי זי"ע איז געפארן קיין ארץ ישראל, בין איך מיטגעפארן מיט אים. אינמיטן וועג, ווען איך בין געווען אונטן ביי מיין צימער אויפן שיף, איז א בחור אריינגעקומען צו מיר און געזאגט, אז איך גיי א חתן ווערן אין ארץ ישראל, ערקלערנדיג אז יעצט האט מען גערעדט ווער ס'וועט צוריק פארן מיטן רבי'ן קיין אמעריקא, און צו עס וועט זיין א מנין אויפן וועג צוריק, האט זיך דער רבי אנגערופן, אז איך וועל נישט צוריק פארן, וועגן דעם האט יענער בחור געקלערט אז איך גיי א חתן ווערן.

איך האב זיך זייער געוואונדערט דערויף, ווייל מ'האט נאך בכלל נישט גערעדט דעמאלטס איבער א שידוך. נאר שפעטער אין ארץ ישראל, בין איך טאקע א חתן געווארן מיט מיין רעבעצין ע"ה, און דאן האט מען געזעהן, אז דער רבי זי"ע מיט זיין רוח הקודש האט שוין געוואוסט פון פאראויס אז איך וועל א חתן ווערן.

*

נאך דערציילט מיין זיידע שליט"א: מיין טאטע הגה"צ רבי יחזקאל זצ"ל איז געווען דער דיין אין "האלאש - אונגארין", ער פלעגט אסאך פארן צום רבי'ן זי"ע אויף שבתים.

איינמאל ווען ער איז געווען ביים רבי'ן אויף א שבת, איז ער - מוצאי שב"ק - אריין צום רבי'ן זיך געזעגענען, ווי געווענליך. האט אים דער רבי געפרעגט, וואו ער איילט זיך אזוי?

נו, אז דער רבי זאגט, פרעגט מען נישט קיין קושיות, נאר מען פאלגט. און מיין טאטע איז טאקע געבליבן ביז זונטיג, און זונטיג איז ער נאכמאל אריין זיך געזעגענען פון רבי'ן. דער רבי האט אים געזעגנט ווי ס'וואלט קיינמאל גארנישט געווען, און ער איז אהיים געפארן.

אהיים קומענדיג, האט ער שוין פארשטענען וואס דא האט פאסירט!

ביי מיין טאטע ז"ל אינדערהיים איז געווען א גוי'טע וואס זי האט ארויסגעהאלפן מיט די הויז ווירטשאפט, און פון מאל צו מאל פלעגט זי דארט איבער נעכטיגן. יענעם מוצאי שבת, איז די גוי'טע געווען דארט, און וויבאלד ס'איז שוין געווארן שפעט ביינאכט, האט די גוי'טע געבעטן פאר מיין מאמע אויב זי קען דארט נעכטיגן.

מיין מאמע האט נישט געהאט קיין חשק דערצו, וויבאלד מיין טאטע איז נישט געווען אינדערהיים, און בלית ברירה איז די גוי'טע אהיים צו זיך אין שטוב, און אין יענע נאכט איז זי געשטארבן ביי זיך אינדערהיים.

דער רבי זי"ע מיט זיין רוח הקודש האט געזעהן וואס עס גייט פאסירן, דעריבער האט ער אים אפגעהאלטן פון אהיימצופארן. ווייל אויב מיין טאטע וואלט ווען אהיימגעפארן, וואלט דאך די גוי'טע איבערגענעכטיגט ביי זיין שטוב, און דארט אפגע'פגר'ט, און די גוים וואלטן גלייך באשולדיגט אז זיי האבן איר גע'הרג'עט, און דער רבי זי"ע מיט זיין אפענע רוח הקודש האט געראטעוועט מיין טאטע ז"ל פון א שווערע צרה.

(יואל צבי בראך)

עס דערציילט מיין עלטער באבע תחי אשת

## הרה"ח ר' יצחק דייטש ז"ל

אין די צייט פון די צווייטע וועלט מלחמה, איז מיין טאטע הרה"צ ר' משה יודא עפשטיין זצ"ל איין טאג ארויס פארטאג'ס אין גאס אין די שטאט סאטמאר, און ער האט געטראפן דעם רבי'נס גבאי הרה"ח ר' יוסף אשכנזי ז"ל, זייער דערשראקן. האט ער אים געפרעגט: "וואס איז געשעהן ר' יוסף?" האט אים ר' יוסף געזאגט אז מען דארף דינגען אן אמבולאנס כדי צו ראטעווען דעם רבי'ן, און עס איז נישטא קיין געלט.

מיין טאטע ז"ל איז שנעל אריינגעלאפן אין שטוב, און ארויסגענומען פון א באהאלטענעם פלאץ א גרויסע סומע געלט, וואס ער האט געהאט אוועק געלייגט אויף נדן, צו חתונה מאכן זיינע טעכטער., ער האט עס אוועק געגעבן פאר ר' יוסף אשכנזי, און מיט דעם האט מען געקענט דינגען די אמבולאנס וואס מען האט גערעטעוועט דען רבי'ן זי"ע.

נאך די מלחמה, ווען דער רבי זי"ע איז געווען אין שווייץ, בין איך אריין צום רבי'ן צוזאמען מיט להבחל"ח מיין שוועסטער מרת טרעגער ע"ה און מיין ברודער הרה"ח ר' אברהם שלום עפשטיין ז"ל. מיר האבן דערציילט פארן רבי'ן אז מיר זענען די קינדער פון רבי משה יודא עפשטיין זצ"ל. האט דער רבי זיך אנגערופן בלה"ק: "איך דארף אייך צוריק געבן די געלט וואס אייער טאטע האט מיר געראטעוועט מיט דעם, מען זאל קענען דינגען די אמבולאנס".

פארשטייט זיך אבער אז מיר האבן בשום אופן נישט געוואלט נעמען קיין געלט פונעם רבי'ן. האט אונז דער רבי זייער ווארעם אנגעוואונטשן און אונז געבענטשט.

**(מנחם צבי פויגל)**

עס דערציילט אונזער זיידע

## הרה"ח ר' משה יעקב ראטער שליט"א

מיין מאמע מרת לאה ראטער ע"ה, איז געווען באוואוסט מיט איר מסירות נפש אויף צניעות. זי האט נאך ביי איר לעבן געקויפט א חלקה וואו צו ליגן נאך איר פטירה, נאר וויבאלד עטליכע פון אירע קרובים און באקאנטע זענען נישט געווען אזוי נזהר אין איין פרט בעניני צניעות, האט זי זיי נישט געוואלט ענטפלעקן אז זי האט שוין געקויפט א חלקה, מורא האבנדיג אז זיי וועלן האבן חשק צו ליגן נעבן איר, און זי האט נישט געהאט חשק צו ליגן נעבן זיי.

די קרובים זענען אבער געוואויר געווארן פון די געשיכטע, האבן זיי אפגעקויפט די אלע חלקה'ס ארום איר חלקה, כדי זיי זאלן אלע קענען ליגן צוזאמען. מיין מאמע איז געווארן זייער צורודערט פון דעם, און זי האט נישט געוואוסט וואס צו טוהן.

מיין זוהן הרה"ח ר' שלום אליעזר ראטער הי"ו, האט דעמאלטס געלערנט אין אמעריקאביים רבי'ן זי"ע, האב זי אים געשיקט א בריוו, אז ער זאל אריינגיין צום רבי'ן פרעגן וואס מ'זאל טוהן, אבער דער רבי האט גארנישט געענטפערט אויף דעם. אזוי האט זיך דאס איבערגע'חזר'ט עטליכע מאל, ביז איינמאל האט זי אים געשיקט א בריוו, אז זי האלט שוין מער נישט אויס פון גרויס צער, אז זי וועט מוזן ליגן צוזאמען מיט אזעלכע וועלכע זענען נישט אזוי מקפיד אויף צניעות ווי איר. ווען מיין זוהן ר' שלום אליעזר הי"ו איז דעמאלטס אריין צום רבי'ן, האט דער רבי זי"ע אים געזאגט, אז מ'דארף זיך נישט זארגן, זיי וועלן נאך אלע זיין ערליך.

אזוי איז טאקע געווען, יענע אלע קרובים און באקאנטע, האבן בסוף ימיהם זיך מקבל געווען, זיך צו פירן מיט די ענין פון צניעות, פונקט אזוי ווי מיין מאמע ע"ה האט געוואלט און געשטרעבט, און אזוי האבן זיי אלע געקענט ליגן צוזאמען אין איין חלקה, ויניחו בשלום על משכבם.

עס איז אינטערעסאנט צו דערציילן, אז בשנת תשכ"ה ווען דער רבי איז געווען דא אין ארץ ישראל, איז מיין מאמע ע"ה אריין צום רבי'ן זי"ע. ווען זי האט געזאגט פארן רבי'ן, אז זי איז א טאכטער פונעם "נאדפילאו רב" הגה"ק בעל זכרון מנחם זצ"ל, האט זיך דער רבי אויפגעשטעלט פאר איר לכבודו פון איר טאטע זצ"ל.

**(אשר אנטשיל אריה ראטער - שמעון בנימין ראטער)**

עס דערציילט מיין זיידע

## הרה"ח ר' אליעזר פאלאטשעק הי"ו

מיין טאטע הרה"ח ר' יוסף פאלאטשעק ז"ל, האט אמאל געעפנט א פלאש סודה-וואסער. אין יענע צייטן פלעגן די פלעשער זיין פון גלאז, און אזוי עפענענדיג דאס פלעשל האט דאס געגעבן א פלאץ אויף, און זיין האנט איז געווארן אינגאנצן צושניטן. מען האט אים גדארפט צונייען די האנט, און אזוי איז ער אריבער א שווערע מעדעצינישע באהאנדלונג. פון גרויס שרעק און ציטער, האט מיין טאטע ל"ע פארלוירן דעם דיבור, און ער האט נישט געקענט ארויסרעדן מער א ווארט פון מויל, ער איז געווארן ממש שטום ל"ע.

דאס איז געווען אין יאר תשל"ג. איך בין יענע יאר געפאהרן אויף די הייליגע טעג זיך מסתופף צו זיין ביים רבי'ן זי"ע, בין איך אריין אל הקודש פנימה זיך מזכיר זיין איבער די גרויסע צרה, דער רבי זי"ע איז שוין ליידער דעמאלטס געווען מחולל מפשעינו, און ער האט שוין כמעט נישט גערעדט, אבער ליינענדיג דעם קוויטל האט זיך דער רבי זי"ע באלד אנגערופן און ווארעם אנגעוואונטשן, אז ער וועט זיין געזונט און שטארק, און צום גרויס וואונדער פון אלעמען, האט מיין טאטע ביז א קורצע תקופה טאקע צוריק אנגעהויבן צו רעדן פונקט ווי פריער, ויהי לפלא.

*

אין יאר תשי"ט, ווען איך בין געווען א אינגל האב איך געלערנט אין די סאטמאר'ע תלמוד תורה "מחזיקי תורה יטב לב", אין די שטאט חיפה. ווען דער רבי זי"ע איז געקומען באזוכן אין תלמוד תורה, האבן מיר דעמאלטס געלערנט מסכת בבא מציעא פרק הזהב. דער רבי האט פארהערט אלע קינדער אויפן רייע, ווען ער איז

אנגעקומען צו מיר, האט ער געהאלטן ביי די סוגיא פון "הונאה", [די סוגיא פון הונאה אין פרק הזהב רעדט זיך אויב מען האט אויסגעפאפט א צווייטן ביז וויפל דארף מען נישט באצאלן], גיבט מיר דער רבי זי"ע א פרעג: וויפיל איז די שיעור פון הונאה "עד כמה הונאה"? האב איך געענטפערט: "עד שתות" [ד.מ. ביז א זעקסטל], האט זיך דער רבי זי"ע אנגערופן בדרך צחות: "היינט איז לײדער געלט גארנישט קיין שתות [שטות]"...

(יוסף פאלאטשעק)

### עס דערציילט מיין זיידע
## הרה"ח ר' מנחם צבי ראטער הי"ו

עס האט מיר דערציילט הגאון רבי מאיר לוריא שליט"א ראש כולל "חלקת יעקב" אין בני ברק, אז זיינס א קרוב הר"ר זושא לוריא, איז אין יאר תשי"ב ווען רביה"ק זי"ע איז געווען אין בני ברק, אריין מיט א קוויטל אל הקודש פנימה. האט אים דער רבי זי"ע געפרעגט וואס ער טוט פאר פרנסה, האט ער געענטפערט, אז ער איז דער "מזכיר" (סעקרעטאר) פון די "רבנות". האט אים דער רבי באלד צוריקגעפרעגט בדרך צחות: "איר דערמאנט פאר די רבנים?"...

(ירוחם יאקאב)

*

עס איז געווען אין יאר תשמ"ב עטליכע יאר נאך די פטירה פון רבי'ן זי"ע. ווען איך בין געפארן אויפן באס פון בני ברק קיין ירושלים. אינמיטן וועג האב איך ארויסגענומען דעם ספה"ק "על הגאולה ועל התמורה" און אנגעפאנגען צו לערנען דערין.

נעבן מיר איז געזעסן א ספרד'ישער איד, און ער קוקט אזוי אריין וואס איך לערן, און אזוי איז פארפירט געווארן צווישן אונז א שמועס איבער רביה"ק זי"ע.

דערציילט מיר דער איד ווי פאלגנד: געווען איז עס אין יאר תשכ"ז, ווען די ציונים האבן געפירט זייער זעקס טאגיגע מלחמה, די ששת ימי אפילה, ווען איך האב געדינט אין מיליטער. איין טאג איז אנגעקומען א ידיעה אין אונזער מיליטערישע באזע, אז אין איינע פון די ציוני'סטישע צייטונגען שטייט אין די הויפט נייעס, אז דער סאטמארער רב האט געזאגט, אז די ציונים גייען געווינען די מלחמה. אלע סאלדאטן האבן זיך גענומען טרייבן ליצנות פונעם רבי'ן, אבער איך מיט פיל תמימות האב איך זיי אויפמערקזאם געמאכט, אז מען טאר נישט ליצנות מאכן פון א צדיק וקדוש, אבער עס האט גארנישט געהאלפן און אלע - בלי יוצא מן הכלל האבן זיך גענומען אפשפעטן פון מיר...

לײדער לײדער - דערציילט דער איד - איז די סוף פון די אלע סאלדאטן געווען זייער ביטער. עטליכע טעג שפעטער האט די גאנצע באזע אויפגעריסן פון א באמבע פון די אראבער, און קיין איינער פון זיי איז נישט געבליבן לעבן. איך בין דער איינציגסטער פון די אלע וואס זענען לעבן געבליבן.

דאן האב איך איינגעזעהן וואספארא הייליגער מענטש דער סאטמארער רב איז געווען, און פון דעמאלטס בין איך צוגעבינדן צו סאטמאר, און צו די הייליגע ספרים פון סאטמאר'ער רב זי"ע.

(אברהם אליעזר יאקאב)

### עס דערציילט אונזער טאטע
## הרה"ח ר' אורי יהודה קויפמאן הי"ו

אין די ל' יארן זענען מיר געווען עטליכע מאל אין קרית יואל, זיך מסתופף צו זיין ביין רבי'ן זי"ע. אין יענע תקופה איז נאכנישט געווען אויפגעבויעט די גרויסע ביהמ"ד אין קרית יואל, נאר דער עולם האט געדאווענט אין די געגנט פון די "גארדן הייזער", דארט איז געווען די תלמוד תורה, און אויך א בית המדרש. אין יענע תקופה האבן געוואוינט אין קרית יואל זייער ווייניג איינוואוינער, נאך ווייניגער פון 100 מענטשן.

דער רבי זי"ע האט דעמאלטס געוואוינט אויף די "בעיקערטאון" גאס, און ער פלעגט דאווענען אינעם גאראדזש פונעם בנין. עס איז געווען איינגעטיילט א סדר צווישן די איינוואוינער, ווער עס זאל גיין דאווענען ביים רבי'ן, וויל מ'האט נישט אריינגעלאזט דעם גאנצן עולם ביים רבי'ן זי"ע, נאר ממש א געציילטע צאל מענטשן.

יעדע וואך נאך שלש סעודות האט מען יא געעפנט די טירן, און אריינגעלאזט דעם גאנצן עולם, צו קענען מיטדאווענען מעריב און מיטהאלטן הבדלה פונעם רבי'ן. עס פלעגן דעמאלטס אויך אריינקומען אסאך אידן פון די נאנטע קאנטרי'ס כדי צו האבן די זכיה און מיטהאלטן דעם דאווענען און הבדלה.

ביי איינע פון יענע שבתים, ווען איך בין נאך געווען א אינגל, איז געווען א קליינער ציבור פון עטליכע 30 מענטשן, און דעמאלטס האבן מיר - די קינדער - געקענט שטיין ממש נעבן רבי'ן זי"ע.

אין שבת צופרי, ווען עס איז אויסגעקומען אונזער רייע ארײנצוגיין דאווענען ביים רבי'ן, בין איך געשטאנען ממש נעבן רבי'ן, און איך בין געווען אזוי פארטראכט, אזוי ווי די שטייגער פון קינדער. דער רבי זי"ע, האט דעמאלטס געהאלטן אינמיטן זאגן קרבנות פון פארן דאווענען, ווען דער רבי איז אנגעקומען צו די ווערטער "שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד", האט ער זיך אזוי צושריגן ביי די ווערטער "אחד", עס האט ממש געטרייסלט די גאנצע גאראדזש, און עס איז געפאלן א פחד אויף אלע וואס זענען דארט אנוועזנד געווען.

די עפיזאד איז מיר געווארן איינגעקריצט אין די ביינער. עד היום הזה, טרייסלט אלע ביינער ווען מען דערמאנט זיך די יענע געהויבענע מינוטן.

(ישעי' קויפמאן - שלמה זלמן קויפמאן)

**זכותו הגדול יגן עלינו ועל כל ישראל אמן**

**די פארזעצונג פון די מעשה "עשירות איז בלויז פאר א צוועק"**
**וועט אי"ה נאכפאלגן אין דעם קומענדיגן גליון**